Mayor's Office of Immigrant Affairs

אידיש | Yiddish

# אימיגראציע געריכט 101

אין **אימיגראציע געריכט**, וועט איר האבן די געלעגנהייט צו פארטיידיגן אייער קעיס אין פארנט פון א אימיגראציע ריכטער און ווייזן פארוואס איר זאלט זיין ערלויבט צו פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן. אויב איר פארלירט אייער קעיס, קענט איר ארייננגעבן אן אפיעל.

**איר קענט ווערן דעפארטירט, אויב:**

- אויב איר פארלירט אין די אימיגראציע געריכט און איר טוט נישט אפעלירן,
- איר אפעלירט און פארלירט.

## ווער וועט זיין ביי די אימיגראציע געריכט?



- עס וועט זיין אן **אימיגראציע ריכטער** וואס וועט באשליסן אויב איר מעגט פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן.
- עס וועט זיין **אן אטורני** וואס ארבעט פאר'ן רעגירונג. זייער ארבעט איז צו פארטרעטן די פאראייניגטע שטאטן רעגירונג. זיי ארבעטן נישט פאר אייך.
- **אויב איר האט אן אטורני**, זענען זיי אייביג ערלויבט צו זיין אין די געריכט-צימער מיט אייך און מעגן אייך רופן און באזוכן.

**געדענקט: די רעגירונג וועט אייך נישט צושטעלן אן אטורני, אבער איר מעגט אויפנעמען אן אטורני אייך צו פארטרעטן אין געריכט.**

## איבערקוקן אייער אימיגראציע געריכט דאטום

- צו איבערקוקן אייער געריכט דאטום, וועט איר דארפן האבן A-נומער (A-number).
- (ביישפיל: A 000-000-000). די נומער ווערט געגעבן דורך די רעגירונג און שטייט אויף אימיגראציע דאקומענטן.
- קוקט איבער אינפארמאציע פאר אייער הירינג דורך נוצן די אויטאמאטישע קעיס אינפארמאציע סיסטעם (Automated Case Information system). פאלגנד זענען צוויי וועגן:
  - רופט די האטליין אויף 1-800-898-7180. דרוקט אייער A-נומער און פאלגט אויס די אנווייזונגען פון די אפערירער.
  - באזוכט די וועב-בלאט: /https://acis.eoir.justice.gov/en. שרייבט אייער A-נומער אין די זוך קעסטל און קליקט "Enter" (אריינגיין).

די צעטל געבט בלויז אלגעמיינע אינפארמאציע. עס איז נישט קיין לעגאלע ראט. רעדט מיט אן אטורני פאר לעגאלע ראט.

Mayor's Office of Immigrant Affairs

# אימיגראציע געריכט 101

אידיש | Yiddish

## טוישן אייער פערזענליכע הירינג צו א ווירטואלע\טעלעפאניש הירינג

אויב איר ווילט טוישן אייער פערזענליכע אימיגראציע געריכט הירינג צו אן אנליין אדער טעלעפאנישע פארמאט, מוזט איר אריינגעבן א פארמאלע פארלאנגט מיט די געריכט. עס איז וויכטיג אריינצוגעבן די פארלאנג ווי פריער מעגליך בעפאר די קומענדיגע באשטימטע הירינג דאטום. ווען איר טוט דאס, מוזט איר געדענקען צו **רעדן מיט אן אטורני**.



- לעגאלע ראט זאל קומען פון אן אטורני, וואס קען העלפן מיט צוגרייטן און אריינגעבן די נויטיגע פעיפער-ווארק ריכטיג.
- איר וועט דארפן אריינגעבן א פארלאנג צו טוישן די הירינג פארמאט (Motion to Change Hearing Format) מיט די געריכט. די אימיגראציע ריכטער וועט איבערקוקן די פארלאנג און מעלדן פאר אייך אדער אייער אטורני וועגן די באשלוס.
- אויב די פארלאנג ווערט באשטעטיגט, וועט די הירינג זיין אנליין; אויב עס ווערט אפגעזאגט, וועט די הירינג בלייבן פערזענליך.

## טרעפן לעגאלע פארטרעטונג

אין די לעצטע מאנאטן, זענען געווען באריכטן פון אימיגראציע אינפארסירונג אקטיוויטעטן אין די אימיגראציע געריכטן. איר זאלט טראכטן פון האבן א צוגעגרייטע פלאן אין פאל וואס איר ווערט אויפגעהאלטן. אויב איר האט פראגעס, רעדט צו אן אטורני.

**פאר אומזיסטע און געהיימע אימיגראציע לעגאלע הילף רופט די מעיאר׳ס אפיס פון אימעגראציע אנגעלעגנהייטן (Mayor's Office of Immigrant Affairs, MOIA) אימיגראציע לעגאלע שטיצע האטליין:**

# 1-800-354-0365

מאנטאג ביז פרייטאג, 9 צופרי ביז 6 נאכמיטאג

דאלמעטשונג איז אוועילעבל

יעדע אימיגראציע געריכט האט א ליסטע פון אומזיסטע אדער ביליגע אימיגראציע לעגאלע סערוויס פראוויידערס אין די געגנט.

סקענט די QR קאוד צו זוכן פאר א ליסטע פון אומזיסטע אימיגראציע לעגאלע ארגאניזאציעס נעבן אייער געריכט פון פאראויס אדער באזוכט: www.justice.gov/eoir/list-pro-bono-legal-service-providers

די צעטל געבט בלויז אלגעמיינע אינפארמאציע. עס איז נישט קיין לעגאלע ראט. רעדט מיט אן אטורני פאר לעגאלע ראט.